בס"ד

# זעקת התורה

מאת הגאון הגדול ממעתיקי השמועה

רבי **חיים אברהם דובער פלאהר** שליט"א - ראה"כ זכרון מנחם

# בחומר הדבר לבחור פעטוועי בנוגע לחינוך ילדי ישראל

נאמר במלוה מלכה לטובת כולל זכרון מנחם - מוצ"ש פרשת שמות תשפ"ד לפ"ק

עס טוט זיך מיט די חינוך דא, מען זאגט אהער און אהין, איך האב זיך שטארק אריינגעטוהן אין דעם, און אויך נאך גרויסע תלמידי חכמים, איך וויל נישט פורט בשמם זיין - די וואס ווייסן ווייסן - איך וויל זיי נישט מפרסם זיין, זיי קענען נאך האבן צרות פון דעם. **איך זאלט וויסן אז דאס איז א שאלה פון יהרג ואל יעבור,** עס איז נישט אזוי גלאַט כשר פלייש, בית יוסף גלאַט, צו אזוי גלאַט, עס איז א אמת'ע שאלה פון יהרג ואל יעבור.

איך האב גערעדט א וואך-צוויי צוריק מיט א חשוב'ע רב א תלמיד חכם, האט ער מיר געזאגט אז ער מיינט אז עס איז ספק יהרג ואל יעבור, האב איך אים געזאגט אז די כוונה איז דאך להעביר על הדת, האט ער געזאגט אז ער איז מסופק אין דעם, אבער איך האב גערעדט מיט איינעם פון די 'רידזשעגט'ס פון בארד אוו עדיוקעשן' און ער האט מיר געזאגט אפן ברבים ביי א גרויסע אסיפה - ס'איז דא א טעיף דערפון - אז זיי ווילן אז ווען א קינד ווערט מעטשאָ"ר זאל ער קענען דיסיידע"ן אלעס וואס ער וויל, דאס איז אפן, היינט איז דאס קלאר, און ס'איז אויך דא א בריוו פון זיי וואס זיי מיינען.

**עס איז נאך ערגער פון שמד,** פארוואס איז דאס ערגער פון שמד, ווייל דער רמב"ם זאגט אין אגרת השמד זיי האבן געוואלט דארט אז מען זאל ווערן מוסלמענער, דער רמב"ם איז דארט דן אין דעם, אבער דאס איז געווען וועגן גלייבן אין א נביא שקר, אדער גלייבן בשיתוף, אבער היינט זענען זיי כופרים. דאס וואס שטייט אין שו"ע אויף ערקתא דמסאני אז אויב עס איז אויך אויף גוים הייסט דאס שוין נישט להעביר על הדת, ווייל ערקתא דמסאני ביי א גוי איז גארנישט, אבער זיי ווילן דאך די גוים אויך שמד'ן, די גוים זאלן עובר זיין אויף די שבע מצות, מען קוקט אין די ביכער זעהט מען אז זיי ווילן מאכן א מענטש מיט א בהמה גלייך, א מענטש איז א בעל חי, אזוי ווי א בעל חי קען טוהן וואס ער וויל, עס איז נישט דא קיין חילוק צווישן א מאן, פרוי, קינד, אשת איש, נישט קיין אשת איש, דאס שרייבן זיי. ר' בנציון ווידער האט געהאנדלט מיט זיי, און ער האט פארגעליינט א אימעיל וואס ער האט באקומען פון די רידזשענט"ס, זיי שרייבן דארט אפן אז זיי ווילען אז א מענטש זאל קענען טוהן וואס ער וויל, **עס איז נישט דא קיין שאלה אויף דעם, זיי ווילן אפ'שמד'ן.**

עס איז דא מענטשן עסקנים וואס שטופן אז מען מוז נעמען א פעטוועי, לאמיר זאגן אז מען וואלט עס געמוזט טוהן לויט די געזעץ, עס וואלט געווען א גזירת המלכות - אויף יהרג ואל יעבור איז סיי ווי נישט דא קיין תירוץ - אבער מען איז דאך געגאנגען אין בית המשפט, און דער שופט האט גע'פסק'נט אז מוסדות זענען נישט מחויב, דער חיוב חינוך ליגט אויף די עלטערן צו טוהן וואס די געזעץ פארלאנגט, אבער נישט די מוסד, יעדע מוסד קען לערנען וואס ער וויל, **מען קען נישט מחייב זיין די מוסד וואס צו טוהן, די מוסד איז נישט מחויב זיי צו ענטפערן בכלל.**

נאך מער פון דעם עס איז דאך געווען עטליכע און צוואנציג מוסדות וואס מען גטעראפן נישט עקוויוועלענט, און מען האט נישט אפגעשטעלט די געלט, זיי קענען נישט אפשטעלן די געלט ווייל לויט די געזעץ איז די מוסד גארנישט מחויב, נאר מען וויל אביסל מער נושא חן זיין

ביי זיי, אפשר וועט מען קענען קריגן נאך אביסל געלט, איז פארדעם אז מען זאל נושא חן זיין ביי זיי, איז מען עובר זיין אויף אזעלכע זאכן.

לאמיר שוין זאגן אז איך בין נישט גערעכט, אבער עס איז דאך זיכער א שאלה פון יהרג ואל יעבור, איך ווייס אז קיינער האט זיך נישט אריינגעטוהן אין דעם, קיינער האט דאס נישט דורכגעטוהן, **עס איז נאר דא אפאר עסקנים וואס גייען ארום און פארציילען מעשיות און אסאך איז שקרים**, עס איז געווען א מיטונג ביי וויזניצער רבי שליט"א און עס איז דארט געווען א מנהל פון א מוסד וואס שטיפט צו נעמען א פעטוועי, ער האט זיך דארט סותר געווען און געזאגט אפאר שקרים, און אלע שקרים איז גארנישט צו פארענטפערן, נאר עס איז נאכאמאל געלט און נאכאמאל געלט, עס איז דאך א שאלה פון יהרג ואל יעבור, רעדט מען פון פארדינען און מאכן נאך געלט.

בלעם האט געזאגט אם יתן לי בלק מלא ביתו כסף וזהב לא אוכל לעבור את פי ה', און רבי יוסי בן קסמא האט געזאגט אם אתה נותן לי כל כסף וזהב שבעולם איני דר אלא במקום תורה, וואס איז די חילוק פון בלעם און רבי יוסי בן קסמא, בלעם האט געזאגט אז עס קומט מיר טאקע מלא ביתו כסף וזהב צו שעלטן די אידן, אבער 'לא אוכל' לעבור את פי ה', ווייל דער מלאך האט אים געזאגט אז ער דארף טוהן וואס ער הייסט אים, דאס הייסט אז ער וואלט געוואלט עובר זיין דעם פי ה' אבער לא אוכל, ער קען נישט, אבער רבי יוסי בן קסמא האט געזאגט פארקערט, נישט נאר מלא ביתו, נאר אלע געלט פון די וועלט איז נישט ווערט אביסל רוחניות, און נישט צו זיין אין א מקום תורה איז נישט ווערט כל כסף וזהב שבעולם.

איך האב אמאל געהערט פון איינעם ער האט געפרעגט וויאזוי האט יוסי בן קסמא געוויסט אז די פלאץ איז נישט קיין מקום תורה, אז ער זאגט איני דר אלא במקום תורה, נאר אז א בעה"ב זאגט 'אני נותן לך', דו קום דארט און איך בין דער בעה"ב דארט, איז דאס נישט קיין מקום תורה.

היינט איז דא אפאר מנהלים וואס פירן, און אלע גייען זיי נאך כצאן לטבח, מען גלייבט זיי וואס זיי זאגן, און מען טוהט וואס זיי הייסן, זאל דער אויבערשטער אפהיטן, ס'איז ממה נפשך נישט גוט, טאמער מען וועט טוהן וואס די גוים די רשעים ווילן, זיי ווייסן וואס זיי ווילן, זיי שרייבן קלאר וואס זיי ווילן, איך וויל נישט דא פארליינען די דאקומענטן, - ווער עס וויל קען עס קריגן - **זיי שרייבן קלאר און דייטלעך וואס זיי ווילן, זיי ווילן אויסרייסן אמונה פון די וועלט**, דאס ווילן זיי.

און דאס וואס מען זאגט אז מען וועט זיי אפנארן, ערשטענס א איד טאר נישט זאגן אז ער גייט טוהן אזעלכע זאכן, און מען קען זיי אויך נישט אפנארן, און אז מען וועט כאפן וועט זיין נאך ערגער.

**זיי שרייבן קלאר און דייטלעך וואס זיי ווילן, זיי ווילן אויסרייסן אמונה פון די וועלט...**

**א מוסד וואס האט גענומען א פעטוועי טאר מען נישט שיקן די קינדער אין אזא מוסד, דאס איז א גע'אסר'טע מוסד**

די זענען מחטיאי הרבים, איך וויל זאגן א זאך - וואס וועט אפשר נישט שמעקן - איך האלט אז **א מוסד וואס האט גענומען א פעטוועי טאר מען נישט שיקן די קינדער אין אזא מוסד, דאס איז א גע'אסר'טע מוסד**, צוליב צוויי זאכן, ערשטענ'ס פארדעם [שהשתעבדו לרצונם ורוחם], צווייטענ'ס מען קען נישט טרויען די קינדער ביי אזעלכע מנהלים, ווי די גמרא זאגט (בבא בתרא דף כ"א) ארור עושה מלאכת ה' רמיה ווייל ער האט אויסגעמישט זָכָר מיט זֶכֶר, איכא דאמרי ער האט אים גע'הרג'ט, איכא דאמרי ער האט אים נישט גע'הרג'ט, און מיר פסק'נען (שו"ע יו"ד סי' רמ"ה) אז מען דארף נעמען א מלמד וואס איז מדייק אפי' ער לערנט נישט אזויפיל, ווייל שבשתא כיון דעל על, יעצט אזעלכע מנהלים קענען מיר נישט געטרויען.

איך האב געזעהן אין די כתבים פון הג"ר ראובן ז"ל (אבי ז"ל קיבל העתק הכתבים מבנו) אז מען האט געפרעגט דעם חפץ חיים אז עס איז דא צוויי מלמדים, איינער איז א גרויסער ירא שמים, אבער ער איז נישט אזא גוטע פאכמאן, די קינדער טאנצען ארום, און דער צווייטער מלמד איז זייער א גוטע מלמד, ער קען איינהאלטן די קינדער, אבער זיין יראת שמים איז עפעס נישט אזוי. האט דער חפץ חיים געזאגט א משל א מענטש וויל פארן קיין ווארשא, אבער עס איז דא א צובראכענע וואגן, נאכדעם איז דא א גוטע וואגן מיט גוטע פערד, א באקוועמע וועג וואס פארט קיין

מינסק, וועט ער דען נעמען די וואגן צו מינסק? ער וויל דאך פארן קיין ווארשא נישט קיין מינסק, איי קיין מינסק איז דא א בעסערע וואגן, אבער יענער פירט נישט ווי ער וויל. האט דער חפץ חיים געזאגט דער מלמד וואס איז א ירא שמים איז טאקע א שוואכע וואגן אבער ער פירט ווי דו ווילסט, **די אלע פעטוועי'ס פירן ווי זיי ווילן,** פעטוועי' איז א מהלך וואס פירט ווי זיי ווילען, נישט ווי מיר ווילען.

און דאס איז אפי' מען וועט גיין אין בית המשפט, - מען זאגט אז מען גייט אפנארן, נאכדעם וועט מען זעהן אז מען קען זיי נישט אפנארן, מען וועט כאפן, נאכדעם וועט מען וועט גיין אין בית המשפט, וועט מען זאגט אז דו האסט דאך אליין גענומען א פעטוועי', האסט דאך מסכים געווען, האסט געוואלט אפנארן, און יעצט אז דו קענסט נישט אפנארן קומסטו אהער.

**זיי זענען חוטאים ומחטיאים, איך וויל זיי נישט אנרופען עמלקים, אבער עמלק האט מקרר געווען, ער איז געווען די ערשטע וואס איז אריינגעשפרינגען, און ממילא אז איינער טוהט טאנצט מען נאך**

אין די הפטרה די וואך (ישעי' כז יא) בִּיבֹשׁ קְצִירָהּ תִּשָּׁבַרְנָה, וואס פון דעם לערנט מען ארויס וועגן נעמען געלט פון גוים, עס איז דא אין דעם אסאך שאלות אין גמרא און שו"ע, און אויך שטייט אין די הפטרה והיה ביום ההוא יתקע בשופר גדול ובאו האובדים בארץ אשר והנדחים בארץ מצרים והשתחוו לה' בהר הקודש בירושלים, זאגט דער משך חכמה האובדים בארץ אשור זענען די וואס זענען לקוי אין דעות ר"ל, והנדחים בארץ מצרים זענען די וואס זענען לקוי אין תאוות ר"ל, והשתחוו לה' גייט אויף די וואס זענען לקוי בדעות, בהר הקודש גייט אויף די לקוי בתאוות.

דער אויבערשטער זאל אונז העלפן, ווי ווייט קען מען נאך גיין, עס ווערט ווינציגער און ווינציגער, די גמרא זאגט אין מסכת תענית אז חוני המעגל איז געשלאפן זיבעציג יאר, ער איז אויפגעשטאנען און איז געגאנגען אין בית המדרש און זיך נישט געקענט צוזאמרעדן, האט ער געזאגט 'או חברותא או מיתותא'. די מענטשן וואס איך געדענק זיי פאר צען פופצען יאר צוריק און מען האט זיך געקענט צוזאמרעדן, היינט קען מען זיך נישט צוזאמרעדן, זיי פארשטייען נישט וואס מען רעדט צו זיי, אזעלכע זאכן וואס זיי האבן זיך אליין געשלאגן און געטוהן פארדעם, היינט טוהן זיי די פארקערטע.

איך וויל טאקע זאגן אז איך האב שוין געבעטן אפאר מאל, אז עס איז דאך דא א אנדערע צד, לאמיר זיך צוזאמרעדן, וואס האבן זיי געטוהן, זיי האבן געשיקט א בעה"ב וואס עסק'נט פאר זיי, אבער מען האט זיך קיינמאל נישט צוזאמגעזעצט, עס איז דאך זיכער אז אנדערע וואס שרייען אויף דעם זענען גארנישט קלענער ווי זיי, עס איז דא אויך אסאך גרעסערע, **און אויב דו האסט וואס צו זאגן, נו זעץ דיך צוזאמען, און נעם ארויס א גמרא, א שולחן ערוך, און לאמיר זעהן וואס עס שטייט, אין שו"ע שטייט נישט וועגן געלט,** אין שו"ע שטייט אז אויף נישט עובר א לא תעשה דארף מען אוועקגעבן כל ממונו, עס שטייט נישט אז געלט זאל מכריע זיין, מען זאל ארויסנעמען א רמב"ם, א שו"ע און מען וועט דורכטוהן די ענין, און מען וועט אויך נעמען אלעס וואס די גאווערמענט, די עדיוקעשן דיפארטמענט, יאפפע"ד, שרייבן, און מען וועט זעהן וואס זיי ווילען.

זיי זענען חוטאים ומחטיאים, איך וויל זיי נישט אנרופען עמלקים, אבער עמלק האט מקרר געווען, ער איז געווען די ערשטע וואס איז אריינגעשפרינגען, און ממילא אז איינער טוהט טאנצט מען נאך, אליין וואלט מען נישט געטוהן, אבער אז יענער טוט, יענער איז דאך א שיינער איד, מעג איך שוין אויך טוהן.

דער אויבערשטער זאל העלפן אז עס זאל שוין זיין והיה ביום ההוא יתקע בשופר גדול ובאו האובדים בארץ אשור והנדחים בארץ מצרים והשתחוו לה' בהר הקודש בירושלים, מען זאל זוכה זיין צו די גאולה שלימה במהרה בימינו, דער אויבערשטער זאל העלפן אז עס זאל חס ושלום קיינער נישט פארפאלן ווערן פון אידישע קינדער.

צו הערן די פולע ריקארדונג פון די דרשה, ווי אויך נאך דרשות פון הרבנים הגאוה"צ שליט"א
אלעס ארום דעם מצב החינוך אין נ. י. רופט דעם **אור החינוך** טעלעפאן ליין **718-362-8838**

# דעת תורה

## אחינו בני ישראל ראשי ומנהלי מוסדות התורה והחינוך במדינת נוא יארק הי"ו

הלא ידעתם אם לא שמעתם ממזימות הממשלה להתערב בסדר החינוך במוסדותינו הק', שהיא גזירה נוראה אשר לא הי' כמוהו בארץ הזאת מימות עולם, ולא בלבד שהממשלה רוצים לפקח ולהשגיח על סדר החינוך שזה בעצמו הוא סכנה גדולה, גם דורשים לשנות בפועל בסדר הלימודים, ועצם דרישתם היא לעבור על מה שאסרה תורתינו הקדושה ולכבות גחלתן של ישראל. ובעת כזאת חובה עלינו לאזור בגבורה ולהתיצב כחומה בצורה ואיתן כחלמיש נגד התערבות הממשלה, ושיכירו וידעו העמים והשרים שבשום פנים ואופן לא נכרע ולא נשתחוה, וכל הרוחות שבעולם לא יזיזו אותנו ממקומינו, וצריכין לעמוד על המשמר לבלתי תן להממשלה שום יד ושם בסדר חינוך צאצאינו, ומכ"ש שלא להשלים עמהם אף על אפס קצהו מדרישתם, וח"ו לשתף פעולה עמהם כלל, וזהו הדרך שקבלנו מגדולי קמאי.

**ולדאבוננו לאחרונה הוציא הממשלה "סובסטענשאל עקווילענסי אימפלעמענט גיידענס", והם הוראות להלאקעל סקול דיסטריקטס, היאך להוציא למעשה מכח אל הפועל ה"סובסטענשאל עקווילענסי גיידליינס", ולפי ההוראות יתחילו לעקוב אחר כל מוסדות החינוך, ולבדוק המוסדות אם הם "סובסטענשאלי עקווילאנט", דהיינו שהלימודי חול שלומדים שם היא בדומה להפאבליק סקולס, וגם ישתדלו לשתף פעולה עם המוסדות כדי להגיע לידי כך שהמוסדות יהיו "סובסטענשאלי עקווילאנט".**

**ולאור כל זאת באנו בזה להזהיר ולהודיע לראשי ומנהלי מוסדות התורה והחינוך לבנים ובנות וישיבות קטנות במדינת נוא יארק, חובת השעה לידע את המעשה אשר יעשון, ולהזהר מליפול ברשת אשר פרשה הממשלה לרגלי המוסדות.**

**דבר פשוט וברור, שאיסור גמור הוא לעשות שום ויתורים ופשרות ואפי' שינוי והוספה כל דהו בסדרי הלימודי חול ממה שהי' נהוג בשנים האחרונות טרם התערבות הממשלה, ובפרט כשעומדים בשעת הגזירה שהדבר חמור ביותר, שצריכים מסירות נפש אפי' אערקתא דמסאנא, זאת ועוד מאחר שחינוך צאצאינו היא יסוד קיום התורה וקיום הכלל ישראל, כמבואר בדברי חכמינו ז"ל שאם אין גדיים אין תיישים, ע"כ הנוגע בזה כנוגע בבבת עינו, וכבר אמרו חז"ל אל תגעו במשיחי אלו תינוקות של בית רבן, וצריכין לעמוד ע"ז בכל התוקף שלא לשנות בזה כלום, ורק על ידי זה אנו בטוחים בהבטחת התורה כי לא תשכח מפי זרעו.**

**ובכלל זה הוא גם שאין שום היתר להציג לפני הממשלה ע"י דרכים שונים כאילו המוסדות מקבלים גזירתם להיות "סובסטענשאלי עקווילאנט", או שעשו שום שינויים יהי' מה שיהי', ואף באמתלא שהוא רק לפנים ובאמת לא ישנו כלום בהלימודי חול, וגם כבר הזהירו חכמינו ז"ל על כגון זה חכמים הזהרו בדבריכם שמא תחובו חובת גלות, ותגלו למקום מים הרעים, וישתו התלמידים הבאים אחריכם וימותו, ונמצא שם שמים מתחלל, ומי פתי יסור הנה לילך בדרך מסוכן כזה שתוצאותיו מי ישורנה, שהדבר עלול מאד שבסופו של דבר בהכרח יתחייב המוסד להביא הדבר לידי מעשה, מיד או לאחר זמן, וכן הזהירו עורכי דין מפורסמים הבקיאים ביותר בנושא זה שבשום אופן לא יעשו כן המוסדות, משום שאם אומרים להממשלה כאילו המוסד הוא "סובסטענשאלי עקווילאנט", או אפי' רק שמוכנים להיות כן, אז גורמים הפסד עצום על להבא, והוא מעוות לא יוכל לתקון, ששוב לא יהא שייך להביא הדבר לבית המשפט ולערער נגד עצם החוק בטענה שהיא נגד הדת.**

**ודרך התורה והמסורה הוא להתנגד בתוקף עוז לכל התערבות הממשלה בחינוך צאצאנו, ושלא ליתן להממשלה שום דריסת רגל בתוך המוסדות, ושלא יניחו להם לבדוק לעיין לפקח ולהשגיח על סדר החינוך בשום פנים ואופן, ומכ"ש שלא יעשו הבחינות מטעם הממשלה, כי בזה נותנים להממשלה עינא פקיחא על המוסדות, שע"ז יש להם ידיעה ברורה בהצלחת התלמידים בהלימודים, וכבר יצאו מזה קלקולים גדולים בהעבר, וזהו כנותן חרב בידם נגד מוסדות התורה והחינוך, וחובתינו בשעה זו שלא להתחשב כלל בכל פנים ואופן שיהי' עם תביעת הממשלה, ובאופן זה בעז"ה נוכל להחזיק מעמד נגד מזימות הממשלה, ולהמשיך לגדל צאצאינו בדרך התורה המסורה לנו מדור דור בלי שום שינוי.**

וכל הדברים הנ"ל אמורים אפי' אם הי' באמת החוק שיכולים לענוש או לסגור מוסדות שאין מקיימים החוק של "סובסטענשאל עקווילענסי", ומכל שכן עכשיו שאין יכולים לענוש או לסגור מוסדות שאינם "סובסטענשאלי עקווילאנט", בודאי שאין להמוסד להתעסק בדבר שאין לו שייכות כלל. ולמותר לכתוב שאפי' אם בעבור זה יארע לאיזה מוסד שהממשלה יעכבו ממון, אין זה משנה כלום מכל הוראות הנ"ל, וח"ו לוותר אפי' כמלא נימא בעד בצע כסף, וכבר אמרו חז"ל על אלו שמחבבין את ממונם יותר מבניהם שעליהם הכתוב אומר לב כסיל לשמאלו.

ובזכות שנעמוד על משמרת החינוך, נזכה שלא ינוח שבט הרשע על גורל הצדיקים, ולגדל בנינו ובני בנינו על דרך ישראל סבא, עדי נזכה לביאת משיח צדקינו, בב"א.

וע"ז בעה"ח אלול תשפ"ג לפ"ק

**חיים אברהם דובער פלאר**
ראה"כ זכרון מנחם

**אלי' דוב וכטפוגל**
ר"י זכרון משה